## סיפורי קודש - עובדות והנהגות

# רש״י הקדוש

## באלערנדע פאקטן איבער זיין משפחה, און הייליגע ירושה

### געקליבן און באשריבן דורך: יצחק זאב הכהן



רש״י שוהל אין טרויאש

**ר**בינו **שלמה** יצחקי, אונזער באליבטער מפרש און תורה באגלייטער, דער ערשטער פירוש אין וואס מיר קוקן אריין, איז **פירוש רש״י**, רש״י באגלייט אונז, דורכאויס גאנץ תורה שבכתב און אויך תורה שבע״פ, אלע בעלי תוספות - וואס אגב רוב זענען געווען זיינע אייניקלעך - הייבן אן מיט פירוש הקונטרס, ווייל רש״י האט געשריבן זיין פירוש אין קונטריסים, וואס ס׳איז געווארן פארשפרייט אין די ישיבות און בתי מדרשים, הערשט 400-500 יאר שפעטער, ווען דער דרוק האט זיך דעוועלאפירט, איז עס געווארן געדרוקט איניינעם מיט די גמרא, מיט רש״י אויף די זייט, און שפעטער אויך מיט תוספות, קעגנאיבער.

כדאי צו וויסן, אז **רש״י אותיות** האט נישט קיין שייכות מיט רש״י בכלל, דער גמרא דרוקער האט געוואלט פון אנדערשיידן די גמרא פון די רש״י, האט ער אפירגעזוכט אן אנדערע צורת האות, אזוי איז געבוירען רש״י אותיות.

רש״י הק׳ האט עד יום מותו געשריבן און געשריבן, איינמאל, און נאכאמאל איבערגעשריבן, אונזער פירוש רש״י איז לכאורה פון די לעצטע מהדורא, אזוי איז רש״י׳ס פירוש געווארן אוועקגעשטעלט אז דער **פירוש התורה**, וואס קיינער פאר דעם, אדער אפי׳ שפעטער האט נישט געהאט די זכי׳ דערצו.

בשייכות צו פירוש רש״י על התורה, איז כדאי צו וויסן אז רב סעדי׳ גאון, וואס האט געלעבט בערך 100 יאר פאר רש״י הק׳, האט אויך געמאכט א פירוש על התורה, געשריבן אויף אראביש. (רב סעדי׳ גאון איז געווען סוף פון תקופת הגאונים, וואס האט זיך געצויגען בערך 500 יאר, רב האי גאון, דער סאמע לעצטער פון די גאונים, איז געווען אביסל שפעטער.)

רש״י ערוועהנט נישט רב סעדי׳, דער אנגענומענער הסבר איז ווייל רש״י האט נישט געקענט קיין אראביש, ווידעראום דער אבן עזרא, וואס האט געלעבט 100 יאר נאך רש״י, האט יא געקענט אראביש, און ברענגט אראפ ר׳ סעדי׳ גאון מערערע מאל בפירושו, פילע מאל מיטן בשמו, און עטליכע מאל נאר ואמר הגאון וואס מיינט רב סעדי׳ גאון.

אחוץ פירוש רש״י אויף ש״ס, איז אויך דא **תשובת הרש״י**, און פסקי הלכות אין **מחזור וויטרי**, פון זיין תלמיד און מחותן רבינו שמחה מ׳וויטרי, וואס ברענגט אראפ פסקים פון רש״י, וואס האט פאראורזאכט שפעטער א מחלוקה צווישן די פוסקים, פיהלע בעלי התוספות האבן געהאלטן אז רש״י על הש״ס איז נאר א פירוש, און מ׳קען נישט פסק׳נען להלכה, ווידעראום דער תיו״ט האט געהאלטן אז יעדעווארט פון רש״י איז א פסק הלכה, ווייל **פירוש רש״י** איז געשריבן מיט **רוח הקודש**.

אין מסכת בבא בתרא, זעהט מען א אינטרעסאנטע שורה, רש״י הק׳ נאך מפרש זיין א גרויס חלק מסכת, איז ער שטיין געבליבן ביי פרק חזקת הבתים, אין דף כ״ט שטייט: עד כאן פירוש רש״י, מכאן ואילך פירוש הרשב״ם (זיין עלצטע אייניקל) בדפוס ישן שטייט: **כאן מת רש״י**.

זעהט מען דא א געוואלדיגע מוסר השכל פון רש״י הק׳, יעדער מענטש פארשטייט, אז ווען מ׳האלט שוין בערוב ימיו, איבערהויפט ווען מ׳האלט שוין אין





רש״י שוהל אין ווירמייזא



**מקום קבורתם פון די בעלי התוספות. רשב"ם - רבינו תם - ריב"ם אין זייער טאטע רבינו מאיר, ועוד ועוד.**

די לעצטע טעג, איז מען עוסק אין תשובה, תיקון המעשים, יעדער כפי הבנתו, רש"י הק' האט זיך געזארגט נאר פאר כלל ישראל!! און געהאט זיין לעבנ'ס מיסיע צו מפרש זיין די תורה, און אפי' דעם לעצטן טאג אויך געשריבן, אפי' ער האט געזעהן אז ער וועט סיי ווי נישט ענדיגן די מסכת, איז געווען הכל רווח נאך א בלאט, נאך א שורה, ביז ס'איז געקומען דער מינוט פון **כאן מת רש"י**.

געוויסע פרקים אין ש"ס, זעהט מען דער פירוש געשריבן דורך דער רשב"ם, אדער דער ריב"ם, ווייל רש"י האט נישט אנגעיאגט צו ענדיגן, ס'איז נישט קלאר צו דאס איז זייער אייגענע פירושים, אדער די אייניקלעך האבן דאס נאכגעשריבן פון רש""ס שיעורים,

**בלע"ז**: א טערמין וואס מען באגעגענט זייער אסאך אין רש"י, רש"י ברענגט אראפ דורכאויס ש"ס, בערך 2200 ווערטער אין בלע"ז, אלס א ראי' צו זיין פשט, וואס דאס איז אלטע ארגינעלע פראנצויזישע ווערטער, (Old French) וואס די היינטיגע פראנצויזישע אקאדעמיקער, פרובירן צו פארשטיין, כדי זיך צו לערנען די אלטע ווערטער שפראך.

וועגן איז דא וואס זאגן, אז דער פירוש אויף הוריות איז פון דער רשב"ם, ווייל אין די מסכת איז נאר דא איינמאל א בלע"ז, אין דאס לאטייניש נישט פראנצויזיש, און דער רשב"ם אין ערבי פסחים ברענגט ער אויך א בלע"ז אין לאטייניש, אולי,

רש"י, האט נישט געהאט קיין זוהן נאר דריי טעכטער, די עלטסטע טאכטער - רחל - פון וועם ס'איז נישט באקאנט קיין דורות,

די צווייטע טאכטער - יוכבד - געוואוינט אין ראמאפארט מיט איר מאן רבינו מאיר בן שמואל, פון די שענסטע משפחות אין כלל ישראל, זיי האבן געהאט פיהר קינדער, גדולי עולם, דער **רשב"ם**, **ריב"ם**, **רבינו תם**, און **רבינו שלמה**.

די דריטע טאכטער - מרים - די מאמע פון דעם **ריב"ן**, רוב משפחה, ליגען אין דעם אלטן בית החיים אין ראמרוק-ראמאפארט, כאטש די מצבות זענען נישט אויפן ארגינעלן מקום, איז דער גדר יא געבויעט אויף די ארגינעלע יסודות,

דער רשב"ם איז געווען דער עלטסטער אייניקל פון רש"י, און געווען אויך א נאנטער תלמיד, אבער דער רבינו תם האט געהאט די גרעסטע ישיבה, אין צאל תלמידים, כאטש ער אליינס איז געווען א תלמיד פון זיין ברודער דער רשב"ם, און דאס איז פארבונדען מיט א מעשה, ווען דער זיידע, רש"י איז נפטר געווארן, האט די מאמע יוכבד זייער געוויינט, דער קליינער יעקב



**שמאלע געסל אין טרויאש**



**רעפליקע פון רש״י שוהל אין טרויאש**

(רבינו תם) האט געפרעגט, מאמי פארוואס וויינסטו? האט די מאמע געענטפערט די תורה איז נפטר געווארן, האט ער געזאגט ״מאמע איך וועל איר אויפלייכטן״ און דער רבינו תם איז טאקע אויסגעוואקסן פון די גרעסטע פוסקים אין אלע דורות.

**אגב**: פון וואו שטאמט דער נאמען **רבינו ת״ם**? א אנגענומענער הסבר איז, אזוי ווי דער עלטערער ברודער רבינו יצחק בן מאיר האט געהייסן דער **ריב״ם**, איז שוין דער נאמען **ר״י** געווען פארנומען, און ביי יעקב אבינו שטייט **ויעקב איש תם**, אזוי איז באשטימט געווארן דער נאמען **רבינו תם**. און זיין בן אחותו רבינו יצחק, האט געהייסן **ר״י הזקן**.

רש״י האט קיינמאל נישט נהנה געווען מכתרה של תורה, ער איז געווען א וויינמאכער, און געוויסע היסטארישע ווערק ווערט ער באצייכנט אלס א געלט-וועקסלער, און ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א משפחה פון פוסקים ובעלי הוראה, א גרויס חלק פון די בעלי התוספות רעכענען זיך צווישן זיינע אייניקלעך: דער יראים, רבינו אלחנן, רבינו יצחק (ר״י הזקן), רבינו יו״ט די פאליז, ועוד ועוד.

כדי זיך צו באקענען נענטער מיט די געבורט און וואוין ארט פון רש״י און די בעלי התוספות, וועלן מיר כאפן א שפאציר אין **טרויאש**, א אור-אלטע שטאט אין פראנקרייך, ווי רש״י איז געבוירען, געוואוינט דא רוב ימיו, און אויך נקבר געווארן, כאטש מקום קבורתו איז נישט באוואוסט, ווייל ס׳איז געווען א תקופה פון בערך 300 יאר וואס א איד האט נישט געמעגט וואוינען אין פראנקרייך, און דער בית החיים איז צושטערט געווארן ליידער, רש״י נאמען ווערט פרעזערווירט דורך די קליינע לאקאלע קהילה, און רש״י נאמען זעהט מען איבער די שטאט, א מאנומענט מיט פיהלע היסטארישע פאקטן פארצייכענט, א שוהל וואס הייסט רש״י׳ס שוהל וואס ווערט באנוצט שבתות ויו״ט, רש״י האט קיינמאל נישט געדאווענט דא, ס׳איז נאר לזכרו, דערנעבן איז דא א רעפליקע, פון רש״י׳ס ארגינעלע שוהל, ס׳איז נאכגעמאכט די מערסטע מעגליך, אויך איז דא א ספרים שטוב מיט א קאלעקציע פון אלע ספרים מיט רש״י׳ס פירוש, אסאך אלטע ספרים מיט פירוש רש״י, וואס מ׳האט געטראפן אויפן בוידעם בשעת׳ן איבערבוי נאך די קריג.

שפאצירענדיג אין די געסלעך פון די בעלי התוספות, די שטעגעלעך פון אונזערע מפרשי התורה, די אור אלטע סטרוקטער׳ס, די שמאלע דורכגענג, לאזט זיך גלייבן די לעגענדע, אז ווען רש״י׳ס מאמע איז געווען טראגעדיג, איז זי געשטאנען אמאל אין א שמאל געסל, ווי א גוי א רשע איז דורכגעפארן מיט א וואגן, און געוואלט איר שעדיגען חלילה, אין א נס איז געשעהן, אז די וואנט האט זיך אריינגעדרוקט.

אגב די שטאט טרויאש, אין רש״י׳ס צייטן, איז געווען פון די איינציגע שטעט וואס איז געראטעוועט געווארן פון די קרייציגלער, וועלכע האבן דאס פשוט איבערגעהיפט, און דאס פארענטפערט דער פאקט, וואס מען זעהט אז יעדע יחוס בריעף ציהט זיך ארויף ביז רש״י הק׳. ווייל רוב שטעטלעך אין אשכנז איז געווארען פארטיליגט דורך די רשעים, חוץ טרויאש, ס׳לאזט זיך זאגן אז רוב יוצאי אשכנז שטאמען טאקע פון רש״י הק׳.

פון דא שפרייזן מיר אריבער קיין ווארמס-ווירמייזא און מיינץ-מאגענצע (היינט אין דייטשלאנד, דאן איין מדינה) די געבורט ארט פון יהדת אשכנז, און די געבורט פון אונזער שפראך **אידיש**, וואס איז מיטגעגאנגען אין גלות מיט די אידישע פאלק, אויף דורות שפעטער עד היום. דאס שיינע לעבן איז אנגעגאנגען ביז שנת ד׳ תתנ״ו, ווען די קרייציגלער האבן ליידער אויסגעהארגעט רוב מדינה, באקאנט אלס **גזירות תתנ״ו**, אריינגערעכנט קהילות **שו״ם**, **ש**פייער **ו**וירמייזע **מ**אגענצא, דער פיוט **אב הרחמן** וואס מיר זאגן יעדן שבת פאר מוסף, ווערט עס דערמאנט - **לכל קהילות הקודש**, ווי אויך איז דא עטליכע פיוטים אין אונזער קינות לת״ב, ווי די שטעט ווערן דערמאנט.




**יודען-גאס אין ווירמייזא**

רש״י האט געלערנט אין ווירמייזא ביי רבינו יעקב בן יקר, און נאכדעם אין מאגענצא ביי רבינו יצחק בר יהודה, ביידע תלמידים פון רבינו גרשון, א געבוירענער אין מעץ, און האט מייסד געווען זיין ישיבה אין מאגענצא, אגב רש״י שרייבט דער ערשטער דעם טיטל **רבינו גרשון מאור הגולה**, וואס איז געבליבן אזוי נחרץ אין כלל ישראל, נייטיג צו באמערקן אז רבינו גרשון איז דער מחבר פון די סליחה **זכור ברית אברהם**.

אין ווארמס/ווירמייזא שטייט א שוהל, אויף די יודענגאססע, וואס הייסט רש״י שוהל, אויף דעם מקום בערך איז געווען די ישיבה ווי רש״י האט געלערנט א משך פון 7-8 יאר, דער שוהל איז חרוב געווארן עטליכע מאל במשך הדורות, דאס לעצטע מאל אין תרצ״ח - קריסטלנאכט, אין ס׳איז צוריק אויפגעבויעט געווארן נאך די קריג, בערך אויף די זעלבע ארט.

ווירמייזא אנטהאלט די עלטסטע בית החיים אין אייראפע, דער ציון פון דער מהר״ם מרוטענבורג, אין נאך גדולים במשך הדורות, יהא זכרם ברוך.